ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח

תשפ"ד

325

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סְגוּלָה אָדֶער עֵצָה פַאר פוילְקֵייט?..............................א
וָואס זֶענֶען דִי גְדָרִים פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף בָּשָׂר וְחָלָב בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער?..............ג
וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן בַּיי אַ בֶּעשׂוּי פוּן זִיווּג שֵׁנִי?..............................ד
זָאל אִיךְ וַוייטֶער דְרֵייְוְן, אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען בְּרוֹגֶז?..............................ה
נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, זָאלְן מִיר אַרַיינְנֶעמֶען קִינְדֶער אוֹיפְצוּצִיעֶן?..............ו
דַארְף מֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי וִוי פְרִיעֶר?..............................ח
וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען מְקוּרָב צוּ בְּרֶסְלֶב?..............................ט
וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן רֶעדְט קֶעגְן אוּנְזֶער רֶבִּי אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער?..............י
וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר? פַארְוָואס לֵייג אִיךְ נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין?..............יב
וָואס קֶען מִיר הֶעלְפְן בַּייקוּמֶען מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת?..............................יד
וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ צוּרִיק מַיין מַאן פוּן עֶסְן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע זַאכְן?..............טז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פְרֶעג דַיין דַיָּין אוּן מוֹרֶה דֶרֶךְ אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת..............................א
מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס לֶערְנֶען, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחוֹת..............................א
תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶענְגְט שִׂמְחָה..............................ב
אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ מִקְוֶה, אַ סְגוּלָה פַאר זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא..............................ב

מֶער אֱמוּנָה, בְּרֶענְגְט מֶער רַחְמָנוּת אוּן מֶער פַּרְנָסָה.........................ג

נֶעם נִישְׁט צְדָקָה גֶעלְט פַאר דַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוּיכְן, דָאס אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה..........ד

שֶׁעצְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּם מַאן..........................................ה

קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַאר כִּמְעַט בְּחִנָּם.........................ו

הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל זַיין עֶרְלִיךְ, בִּיסְט הַיינְט נֵיי גֶעבּוֹירְן ...........................ו

מֶען קֶען נָאר קוּמֶען אִין שׁוּלֶע אָנְגֶעטוּן אֵיידְל...................................ז

דִי שְׁוֶועְרֶע דוּרְכְגַאנְג, אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַייךְ ...........................ח

עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל צֶעפַאלְן .........................ט

אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן דִי קִינְדֶער אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן ........................ט

שְׁרַייבְּן בְּרִיוו אִיז אַ וֶועג וִוי מֶען קֶען אָנְהַאלְטְן אַ קֶשֶׁר ..........................י

בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ ווִירְטְשַׁאפְט........................... יא

אִיךְ הָאבּ דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע וָואס מֶעגְלִיךְ..............................יב

אִיךְ ווִיל זִיךְ פַארְלֵייגְן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ...... יג

דֶער מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פֶּעטְש ..................................... יג

סַךְ-הַכֹּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן .........................יד

מַאכְן פְּלֶעסְטִיק סֶערְדְזְשֶׁערִי, דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן ...........יד

לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט ............................. טו

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן מְסִיבּוֹת פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ............................ טז

הֶעלְף דִי פְּלַאץ וָואס הֶעלְפְט דִיר ...................................... יז

גֶעבּ אַ קְרֶעכְץ, אַ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע", דָאס וֶועט מַאכְן נִיסִים ............ יז

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיבּ עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים.........................יח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סְגוּלָה אָדֶער עֵצָה פַאר פוֹילְקֵייט ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט עֶרְגֶעץ עֶפֶּעס אַן עֵצָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף עַצְלוּת אוּן פוֹילְקֵייט, עֶפֶּעס אַ סְגוּלָה אָדֶער עֵצָה וָואס צוּ טוּן - אִינְאֵיינֶעם מִיט תְּפִלָּה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**אַוַדַאי רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן עַצְלוּת; פוּן יֶעדֶע זַאךְ רֶעדְט דֶער רֶבִּי, אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַן עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. מֶען דַארְף לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אַזוֹי וֵוייסְט מֶען בַּיי יֶעדֶע זַאךְ ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קנה) **: ״כִּי עִקַּר הָעַצְבוּת וְהָעַצְלוּת, הוּא מֵחֲמַת חֶסְרוֹן אֱמוּנָה״, פוּן וָואס קוּמְט פוֹילְקֵייט אוּן טְרוֹיעֶרִיקֵייט ? פוּן וֵויינִיג אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי אִיז דָאס מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל, וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אַיין אַ וֵוייצְל אִין אַ גוּטֶע עֶרְד, דֶעמָאלְט וַואקְסְט עֶס זֵייעֶר שַׁיין, עֶס וֶוערְט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן קַיין שׁוּם ווִינְט, דִינֶערְן אוּן בְּלִיצְן, ״מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ כֹּחַ הַצּוֹמֵחַ וְכֹחַ הַגּוֹדֵל, עַל כֵּן אֵינוֹ מַזִּיק לוֹ שׁוּם דָּבָר״, וַוייל**

עֶס הָאט אַ כֹּחַ וָואס מַאכְט אִיר וַואקְסְן, קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, אָבֶער אַז מֶען לֵייגְט דָאס וֵוייצְל אִין עֶרְד וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ וַואקְסְן - וֶוערְט דָאס קֶערְנְדְל פַארְפוֹילְט.

"וֶאֱמוּנָה הִיא בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ", אַזוֹי אִיז מִיט אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז אַ זַאךְ וָואס גֶעבְּט כֹּחַ פַארְן מֶענְטְשׁ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, עֶס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל וֶועלְן וַואקְסְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֶסְתֵּר ב, ז): "וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה", זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים כב, כג) מָרְדְּכַי הָאט אוֹיפְגֶעצוֹיגְן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה; דֶער פָּסוּק בַּאצִיט זִיךְ מִיט דָאס וָוארְט 'אֱמוּנָה' פַאר דֶעם וָוארְט 'אוֹיפְבְּרֶענְגֶען', נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת לא.): "אֱמוּנָה זֶה סֵדֶר זְרָעִים", זָאגְט דֶער רֶבִּי, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה - הָאט עֶר אַ כֹּחַ פוּן וַואקְסְן אוּן וֶוערְן גְרֶעסֶער, "אֲזַי אֵין מַזִּיק לוֹ שׁוּם דָּבָר", קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן, "וְאֵינוֹ יָרֵא מִשּׁוּם אָדָם", עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, "וְשׁוּם דָּבָר", אוּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. "וּמִתְפַּלֵּל בְּחִיּוּת", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה דַאוֶוענְט מֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, "כָּרָאוּי", אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען. "וְנוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק", מִיט אֱמוּנָה פָארְט מֶען צוּם צַדִּיק, "כִּי אֵינוֹ מִתְיָרֵא וּמִתְפַּחֵד מִשּׁוּם עִנְיָן שֶׁבָּעוֹלָם", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, "אֲבָל כְּשֶׁיֵּשׁ חִסָּרוֹן בָּאֱמוּנָה אֲזַי אֵין לוֹ כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ וַאֲזַי הוּא נִרְקָב מַמָּשׁ, כְּמוֹ הַחִטָּה הַנַּ"ל", אָבֶער וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין כֹּחַ אָנְצוּגֵיין, מֶען וַואקְסְט נִישְׁט, מֶען וֶוערְט פַארְפוֹילְט; מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אַ קֶערְנְדְל וָואס פוֹילְט אִין נִישְׁט גוּטֶע עֶרְד, עַיֵּין שָׁם דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת, סִימָן קנה), אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין עַצְלוּת וְעַצְבוּת.

אוֹיךְ שִׂמְחָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז אַן עֵצָה פַאר פוֹילְקֵייט אוּן טְרוֹיעֶרִיקֵייט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין

יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אָבֶער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָ' נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זֶענֶען דִי גְּדָרִים פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף בָּשָׂר וְחָלָב בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן דָאס לֶעבְּן. מִיר ווִילְן ווִיסְן אוֹיב מֶען דַארְף אוּן ווִיפִיל מֶען דַארְף, אוּן פוּן וֶועלְכֶע עֶלְטֶער מֶען דַארְף - וַוארְטְן צְווִישְׁן בָּשָׂר וְחָלָב בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר דַארְפְן עֶלְטֶערְן זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה, עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב; וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

עֶס מוּז זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דָאס קֶען נָאר זַיין אַז עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט; טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ לִיב, טַאטֶע מַאמֶע שֶׁעצְן זִיךְ, זֵיי זוּכְן דִי מַעֲלוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן; אַזוֹי וַואקְסְן דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין בְּכַעַס; נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, נִישְׁט שְׁלָאגְן, נִישְׁט וַוארְפְן קַיין אֵימָה יְתֵירָה אִין שְׁטוּב. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, כה): "כַּעַס לְאָבִיו בֵּן כְּסִיל", אַז דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ - וֶוערְן דִי קִינְדֶער נַארִישׁ; אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", דִי קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיף גֶעזוּנְט.

בַּיי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, פוּן צְוֵויי יָאר אוּן דְרֵיי יָאר - וַוארְט מֶען נִישְׁט צְווִישְׁן פְלֵיישׁ אִין מִילְךְ. דָאס הֵייסְט, מֶען טָאר נִישְׁט גֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם פְלֵיישׁ אוּן מִילְךְ, אָבֶּער אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן - קֶען מֶען גֶעבְּן, אוּן פוּן דְרֵיי בִּיז פִינְף - וַוארְט מֶען אַבִּיסְל, אוּן נָאר נָאכְדֶעם גֶעבְּט מֶען, אוּן וִוי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט, מֶען אִיז שׁוֹין פִינְף יָאר אוּן הֶעכֶער - וַוארְט מֶען שׁוֹין אַ שָׁעָה, אוּן פוּן זִיבְּן אוּן הֶעכֶער - וַוארְט מֶען שׁוֹין זֶעקְס שָׁעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן בַּיי אַ בֶּעשׁוֹי פוּן זִיווּג שֵׁנִי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן בַּיי אַ בֶּעשׁוֹי פוּן זִיווּג שֵׁנִי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת, נִישְׁט זַיין קַיין אוֹיבֶּער חָכָם. מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִין דִי בְּרִיוו דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: ״הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן, כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד״, גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן צַייט, מֶען דַארְף הִיטְן דִי צַייט, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל.

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, עֶס אִיז דָא שִׁידוּכִים פַאר אַלֶעמֶען, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז דִי חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת, דִי אוֹיבֶּערְ׳חָכָם׳קֵייט; מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּג אוּן שֵׁיין, אוּן מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נִישְׁטָא אוּן וֶועט נִישְׁט זַיין. וַוייל חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): ״נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא״, גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; דִי תּוֹרָה זָאגְט ׳גֵיי אַרָאפּ, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ וָואס פַּאסְט פַאר דִיר׳; לָאז אָפּ דִי דִמְיוֹנוֹת ׳עֶס פַּאסְט יָא׳, ׳עֶס פַּאסְט נִישְׁט׳; וִוי קְלוּג מֶען אִיז, אוּן וִוי שֵׁיין מֶען אִיז - דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט.

וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן קוּקְט מֶען אוֹיף דְרֵיי זַאכְן; אוֹיף גֶעזוּנְט, אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, אִיבֶּערְלָאזְן דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן; אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דִמְיוֹנוֹת אוּן חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאל אִיךְ וַוייטֶער דְרֵייוְון, אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען בְּרוֹגֶז?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרֵייוְון, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט טוּן. אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס גֵייט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁטֶערְן.

אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט דְרֵייוְון צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְנ'ס הוֹיז, אִיךְ גֵיי נָאר וֶוען מַיין מַאן קֶען מִיךְ נֶעמֶען אַהִין. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיךְ וֶועל פְּרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ אִיךְ זָאל דְרֵייוְון אַז עֶס שְׁטֶערְט זֵיי אַזוֹי; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַז עֶס שְׁטֶערְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט דְרֵייוְון; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ טוּן זַאכְן פַּאר בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן צַעַר.**

**אִיר וֶועט אוֹיךְ וֶועלְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אִין אַייעֶרֶע וֶועגְן אוּן אַייךְ בְּרֶענְגֶען נַחַת.**

**וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן הָאבְּן נָאר נַחַת אוּן שִׂמְחָה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, זָאלְן מִיר אַרַיינְנֶעמֶען קִינְדֶער אוֹיפְצוּצִיעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד, אוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אִיז

גֶעוואָרְן לֵיידִיג, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט מִיט מַיין וַוייבּ אַז אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ אַרַיינְצוּנֶעמֶען אַ קִינְד וָואס קֶען פַּאר סַיי וֶועלְכֶע סִיבָּה נִישְׁט זַיין אִינְדֶערְהֵיים און אִים אוֹיפְצִיעֶן וִוי אַן אֵייגְן קִינְד; מִיר ווִילְן הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תולדות, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַרַיינְצוּנֶעמֶען קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיפְגֶעצוֹיגְן אַפָּאר קִינְדֶער יְתוֹמִים (עַיֵּין עֲלִים לִתְרוּפָה מִכְתָּב כב, קעא).

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה מה, ו) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַּאר משֶׁה רַבֵּינוּ דִי שְׂכַר פוּן אוֹיבְן אִין הִימְל, און משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט: "אוֹצָר הַזֶּה שֶׁל מִי הוּא", פַּאר וֶועם גֵייט דִי שְׂכַר? הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "שֶׁל מְגַדְּלֵי יְתוֹמִים", פַּאר דִי וָואס צִיעֶן אוֹיף קִינְדֶער יְתוֹמִים. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (כְּתוּבּוֹת נ.) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קו, ג): "עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת", וֶוער טוּט צְדָקָה אַ גַאנְצְן צַייט? "זֶה הַמְּגַדֵּל יָתוֹם וִיתוֹמָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", דֶער וָואס צִיט אוֹיף קִינְדֶער יְתוֹמִים בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, "וּמַשִּׂיאָן" און מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה.

אוֹיךְ קֶען מֶען הֶעלְפְן דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט מִיט דִי פִּיצְלִיךְ קִינְדֶער; אַ זֵיידֶע בַּאבֶּע קֶען זֵיי הֶעלְפְן מִיטְן הַאלְטְן דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען דַארְף גֵיין עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, און אַזוֹי וַוייטֶער; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען דֶעם זֶעלְבְּן פָּסוּק וָואס מֶען דַרְשְׁ'נְט אוֹיף אוֹיפְצִיעֶן יְתוֹמִים - אוֹיף הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה (כְּתוּבּוֹת, שָׁם).

אַז מֶען הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה זֵיי צוּ הֶעלְפְן וֶוען זֵיי דַארְפְן הִילְף מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דארְף מֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי ווִי פְרִיעֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ נָאכְן דוּרְכְפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן דַארְף מֶען זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי דַוְקָא פַארְן דַאוֶוענֶען, אָדֶער אִיז גוּט אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען זָאגְט עֶס נָאכְן דַאוֶוענֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען אִיז אַדוּרכְגֶעפַאלְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה - זָאל מֶען וָואס פְרִיעֶר לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, אוּן אֵיידֶער מֶען טוֹבֵלְ'ט זִיךְ זָאל מֶען זִיךְ אָפְּוַואשְׁן, מֶען זָאל זַיין רֵיין.

בֶּעסֶער אִיז ווִי פְרִיעֶר צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רה; חֵלֶק ב', סִימָן צב): "תִּקּוּן לְמִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", ווִי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דִי פְּגַם פוּן מִקְרֶה לַיְלָה? "לוֹמַר עֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם שֶׁאֵרַע לוֹ חַס וְשָׁלוֹם", מֶען זָאל זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִין דִי טָאג וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט דִי זַאךְ; דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט: מִכְתָּם לְדָוִד - טז, לְדָוִד מַשְׂכִּיל - לב, אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל - מא, כְּאַיָּל תַּעֲרֹג - מב, לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת - נט, לַמְנַצֵּחַ עַל יְדוּתוּן - עז, תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה - צ, הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ - קה, עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל - קלז, הַלְלוּ-יָהּ הַלְלוּ קֵל בְּקָדְשׁוֹ - קנ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לְאָמְרָם בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה

צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - "אֵין צָרִיךְ לִפְחֹד עוֹד כְּלָל מִפְּגַם הַנּוֹרָא שֶׁל הַמִּקְרֶה, חַס וְשָׁלוֹם", דַארְף מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּגַם פוּן מִקְרֶה לַיְלָה, "כִּי בְּוַדַּאי נִתְתַּקֵּן עַל יְדֵי זֶה", עֶר הָאט דָאס זִיכֶער פַארְרָאכְטְן.

אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט דִי קְלֵיידֶער וָואס אִיז שְׁמוּצִיג, סַיי דִי בֶּעט גֶעוַואנְט אוּן סַיי דִי קְלֵיידֶער אוֹיף זִיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (הַנְהָגַת הָאָדָם, סִימָן יא): "וְיִזָּהֵר שֶׁיִּהְיוּ בְּגָדָיו, הַכְּתֹנֶת וּמִכְנָסַיִם, מְנוּקִים מִלִּכְלוּךְ וְצוֹאָה וְשִׁכְבַת זֶרַע חַס וְשָׁלוֹם", מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי הֶעמְד אוּן הוֹיזְן - זָאלְן זַיין זוֹיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען מְקוּרָב צוּ בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן צוּ זַיינֶע תּוֹרוֹת. אִיךְ הוֹיבּ יֶעצְט אָן זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט בְּרֶסְלֶב, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אוּן גֶעוואוֹיר וֶוערְן דִי מִנְהָגִים פוּן בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי וֶועג פוּן מוֹהֲרַ"ן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, עֶס גֶעבְּט מִיר שִׂמְחָה אוּן מָאטִיוַואצְיֶע אִין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף הִילְף צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט דֶעם, וואוּ קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אוּן וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן מִיט דִי שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת.

לֶערְן אַסַאךְ דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיסְגֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן"; דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", לֶערְן צוּם עֶרְשְׁט חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', דָארְט וֶועסְטוּ זֶען הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן; לֶערְן דָאס אַפָּאר מָאל אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חֵלֶק א'.

אַז דוּ ווילְסְט ווִיסְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אוּן בְּרִיוו. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק - גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו, דָארְט קֶען מֶען אִים טְרֶעפְן אוּן ווִיסְן וִוי זִיךְ צוּ פִירְן; אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט אָנְצוּכַאפְּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס הַאנְט בְּשָׁעַת מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן נָאךְ קִידּוּשׁ לְבָנָה: "ווִילְסְט מִיךְ אָנְכַאפְּן? לֶערְן מַיינֶע בְּרִיוו".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן רֶעדְט קֶעגְן אוּנְזֶער רֶבִּי אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן הָאט לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן מְזַלְזֵל זַיין אוּן רֶעדְן קְרִיטִיק אוֹיף אוּנְזֶער רֶבִּי צוּ וֶועמֶען מִיר גֵייעֶן. אִיךְ וִויל זֵייעֶר מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט תְּמִימוּת, נִישְׁט מִיטְן רֶעדְן אוֹיף רֶבִּי'ס אוּן צַדִיקִים, אָבֶּער מַיין מַאן טַעְנָה'ט אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט אוּן עֶר טוּט רִיכְטִיג, וַוייל אוֹיבּ דֶער רֶבִּי טוּט אַן עַוְלָה דַארְף מֶען עֶס פַארְשְׁרֵייעֶן, דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אִין אַ צַדִיק, אוּן עֶס מוּז נִישְׁט זַיין אַז וָואס דֶער צַדִיק טוּט אִיז זִיכֶער גוּט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין דִי גֶעגְנְוַוארְט פוּן דִי קִינְדֶער בִּין אִיךְ שְׁטִיל אוּן אִיךְ בִּין מְכַבֵּד מַיין מַאן, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶר זָאגְט נָאר, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז עֶר רֶעדְט קֶעגְן אוּנְזֶער צַדִיק; וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי זַאכְן וְכוּ׳; בִּפְרָט וֶוען דִי קִינְדֶער דַאוֶּועֶנֶען דָארְט אוּן זֵיי לֶערְנֶען דָארְט - אִיז זִיכֶער נִישְׁט גוּט אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִי הַנְהָגָה וְכוּ׳; דִי קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל. אַ קִינְד׳ס מֹחַ אִיז זֵייעֶר הַייקֶל, אַז מֶען צֶעמִישְׁט זֵיי - פַאלְן זֵיי אַוֶועק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס יָא אָנְצוּנֶעמֶען אוּן וָואס נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז יָא וִוִיכְטִיג אוּן וָואס נִישְׁט.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶר שְׁלוֹם בַּיִת, דָאס אִיז נָאךְ וִוִיכְטִיגֶער פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער. אִיר קֶענְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי קִינְדֶער אִין מַחֲלֹקֶת, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְט אִיר נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן. דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זָאל דָאס נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן, וַוייל דָאס אִיז נָאךְ וִוִיכְטִיגֶער פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן

פַאר גוּטֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, גוּטֶע קִינְדֶער וַואקְסְט נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים, אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר? פַארְוָואס לֵייג אִיךְ נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בַּאגְרָאב זִיךְ פַאר בּוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אַזַא יְרִידָה אִין רוּחָנִיּוּת וִוי יֶעצְט; אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט אוּן אִיךְ לֵייג נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

יֶעדֶער הַאלְט מִיךְ פַאר אַ חָשׁוּבֶ'ער אִינְגֶערְמַאן, קֵיינֶער וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט אַז אִיךְ לֵייג נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין. אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי טִיף אִין דֶער עֶרְד.

וָואס מֵיינְט דָאס? וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר? וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר? אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אַז דָאס אִיז גֶעשֶׁען צוּ מִיר. בִּיז אִיךְ כַאפּ זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֵייגְט הַיינְט תְּפִלִּין - אִיז שׁוֹין נָאךְ דִי שְׁקִיעָה; בִּיז אִיךְ בַּאמֶערְק אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית - אִיז שׁוֹין צַייט צוּ דַאוֶונֶען מַעֲרִיב.

אִיךְ לוֹיף אִין חֵדֶר אָן גַארְנִישְׁט, אִיךְ כַאפּ אַ מִקְוֶה אוּן אִיךְ לוֹיף אַרַיין אִין קְלַאס. אִיךְ פְּרוּבִּיר אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִיעֶר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, פָּשׁוּט עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט קַיין שַׁחֲרִית, מִנְחָה, תְּפִלִּין, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

אִיךְ וֵויין, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואלְסְטוּ גֶעוְוִיסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אָנְטוּן תְּפִילִין - וָואלְסְטוּ אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינְדֶערְפְרִי אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. תְּפִילִין קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּפִילִין הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מג:): "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר, כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ, וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ, הַכֹּל בְּחִזּוּק שֶׁלֹּא יֶחֱטָא", וֶוער עֶס גֵייט מִיט תְּפִילִין וֶועט זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת; וַוייל וֶוען מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי תְּפִילִין - וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין, טוּ אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין שֶׁל יָד אוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין שֶׁל רֹאשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שְׁמוֹת, רֶמֶז רכב): "אָמְרוּ יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי הַמָּקוֹם אָנוּ רוֹצִים לִיגַּע בַּתּוֹרָה יוֹמָם וָלַיְלָה אֲבָל אֵין לָנוּ פְּנַאי", אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וָואס זָאלְן מִיר טוּן? מִיר ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין צַייט, מִיר דַארְפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה', "אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, קַיְּמוּ מִצְוַת תְּפִילִין וּמַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ אַתֶּם יְגֵעִים יוֹמָם וָלַיְלָה", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס רֶעכֶענֶען אַזוֹי ווִי אִיר לֶערְנְט פַאר מִיר אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט'.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, אִין טְבֶרְיָ׳ הָאט גֶעוואוֹינְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶועזְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין טְבֶרְיָ׳ - הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרָאפְן. אַמָאל אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ, קָרוֹב צוּ דִי נַיינְצִיג יָאר, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְרֶעכְצְט: ״רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר פַארְעֶקֶלְט צוּ לֶעבְּן, אִיךְ וִויל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן״, הָאט דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם אִים גֶעזָאגְט: ״דִי טִיפֵּשׁ וָואס דוּ בִּיסְט, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִיר נִישְׁט דָאס לֶעבְּן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען נָאךְ אֵיין טָאג אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין?!״

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין, אוּן זִיכֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַּאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא - אָן לֵייגְן טַלִּית וּתְפִילִין. קֶענְסְט זַיין אַ מְלַמֵּד נָאר אַז דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי דַאוֶונֶען; אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ מְלַמֵּד, עוֹסֵק זַיין מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל - דַארְפְסְטוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס קֶען מִיר הֶעלְפְן בֵּייקוּמֶען מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט גָאר אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת צוּ טְרַאכְטְן אוּן טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט צוּפִיל, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שד): "פַּעַם אַחַת הִתְלוֹצֵץ מִזֶּה", דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל זֵייעֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה, "וְאָמַר", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁעַל זֶה מְבַקְּשִׁים בְּכָל יוֹם אַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִזָּיוֹן, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, 'אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן'", וַוייל אַז עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת; אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר פַארְשֶׁעמְט; דִי וַוייבּ וֶוערְט גֶעוָואר אוּן זִי לָאזְט אִים אָפּ, נָאכְדֶעם וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעוָואר - דֶערְוַוייטֶערְן זֵיי זִיךְ, מֶען בְּלַייבְּט אַלֵיין.

עֲבֵירוֹת מַאכְט נִישְׁט זַאט, עֲבֵירוֹת מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֲבֵירוֹת מַאכְט דָאס פַארְקֶערְטֶע; עֶס מַאכְט מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעלְט, בִּיז מֶען הָאט נִישְׁט אַ שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ו, כו): "כִּי בְעַד אִשָּׁה זוֹנָה", וֶועגְן דִי פְרֶעמְדֶע פְרוֹי - "עַד כִּכַּר לָחֶם", וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ בֶּעטְלֶערְן פַאר אַ שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ אַז דָאס נֶעמְט אוֹיס פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס. וֶוער עֶס פָאלְגְט דָאס - זֶעט גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶס זַיין אַבִּיסֶל שְׁוֶוער, אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַּךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס

אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"ש הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצֶן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּצוּלֵייגְן צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן - וָואס רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ צוּרִיק מַיין מַאן פוּן עֶסְן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע זַאכְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין מַאן הָאט לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶסְן גָאר אַסַאךְ צוּקֶערְלֶעךְ אוּן אַנְדֶערֶע נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע נַאשֶׁערַייעֶן? אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאזָארְגְט פַאר זַיין גֶעזוּנְט אוּן פַאר זַיין בְּלוּט-דְרוּק. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אִים מַסְבִּיר צוּ זַיין אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם אוֹפָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר אִים, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט. אוֹיךְ זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיי אִים הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אִיז נִישְׁט אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, לָאזְט דֶעם דָאקְטֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי זַאכְן.

אִיר זָאלְט הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אֵיין זַאךְ: ״עֶס זָאל זַיין שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ״; אוֹיף דֶעם זָאלְט אִיר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, עֶס זָאל זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער פַארְן גֶעזוּנְט מֶער פוּן אַלֶעס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ - קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִיא רְפוּאָה גְּדוֹלָה״, אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פְרֶעג דַיין דַיָּין אוּן מוֹרֶה דֶרֶךְ אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

לֶערְנְ אוּן חַזֶר דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב - אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פִירְן אַן אִידִישׁ לֶעבְּן; נָאר אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת קֶען מֶען הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, מֶען מוּז הָאבְּן אַ דַיָּין אוּן מוֹרֶה דֶרֶךְ פַאר אַ אִידִישׁ לֶעבְּן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס לֶערְנֶען, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הֶער צוּרִיק גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיפְן שְׁטֶעטְל, אַז דוּ אוּן נָאךְ אִינְגֶעלַייט זִיצְן פַארְטָאגְס פִינְף אַזֵייגֶער אִין שׁוּל אוּן מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר פְרִישֶׁע כֹּחוֹת וַוייטֶער צוּ טוּן.

וִוי דוּ וֵוייסְט אִיז דִי שְׁטֶעטְל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, אוּן וִויפִיל דוּ וֵוייסְט - וֵוייסְטוּ נָאכְנִישְׁט אַלֶעס; עֶס עֶפְנְט זִיךְ נִישְׁט קַיין שְׁטֶעטְל אַזוֹי גְרִינְג... עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַסַאךְ פְּלָאג אוּן מִי, אוּן מַיין גַאנְצֶע כַּוָּונָה אִיז - אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ מָקוֹם תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַ פְּלַאץ

וָואס מֶען וֶועט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיז דָאס אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף פַּארְטָאגְס אוּן נָאךְ אִינְגֶעלַייט, אוּן מֶען זִיצְט אוּן מֶען לֶערְנְט אַ צְוֵויי שָׁעָה פַאר דַאוֶוענֶען - אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע נַחַת אוּן גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ כֹּחוֹת.

...

### תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶענְגְט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

"יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'" (תְּהִלִּים קד, לד), קֶען זַיין פְּשַׁט, 'עָלָיו' מֵיינְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶס אִיז 'יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי' - עֶס אִיז זִיס פַארְן מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ 'אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'', זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַוייל תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶענְגְט שִׂמְחָה; וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אוֹיךְ אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מוּטְשֶׁעט מִיט נִסְיוֹנוֹת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס - דָאס בְּרֶענְגְט שִׂמְחָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ 'אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'', וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הוֹיבּ אָן דֶעם טָאג מִיט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, גֵיי שְׁפַּאצִירְן פִינְף, צֶען - מִינוּט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ 'אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ', וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

...

### אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ מִקְוֶה, אַ סְגוּלָּה פַאר זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פְרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי ווִיל הָאבְּן דִי זְכוּת פוּן רֵיינִיגְן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה

צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ נִפְקַד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּמָא. צְוִוינְג עֶס נִישְׁט אַרוֹיף, פְרֶעג אִיר אוֹיבּ זִי הָאט צַייט אוּן כֹּחַ זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין פַאר דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען קְצָת עִיּוּן מִיט דַיין חַבְרוּתָא, טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ, צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ נַ"ךְ, אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, יוֹם תְּהִלִּים, דִי בְּלַאט גְמָרָא בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, אַ פֶּרֶק רַמְבַּ"ם כְּסִדְרָן, אוּן טֵייל אַיין דִי תִּיקוּנִים דָאס צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן נָאכְדֶעם גֵיי הַפָּצָה.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, שְׁטֵיי אוֹיף לֶערְנֶען פַארְטָאגְס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

לָאז מִיר וִויסְן וֶועגְן דַיין וַוייבּ.

...

**מֶער אֱמוּנָה, בְּרֶענְגְט מֶער רַחְמָנוּת אוּן מֶער פַּרְנָסָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וִוי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, מֶען חַזֶר'ט טָאג אוּן נַאכְט דִי אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶערְן בַּאשֶׁעפֶער - אַלְץ מֶער קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם לַיידְן, מֶען קֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נו, אוֹת ו): "וְכָל מַה שֶׁמִּתְרַבֶּה הַדַּעַת, מִתְרַבֶּה הָרַחְמָנוּת וְהַשָּׁלוֹם", וִוי מֶער מֶען וֵוייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער רַחְמָנוּת הָאט מֶען אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען קֶען זִיךְ מִיט אַלֶעמֶען אוֹיסְקוּמֶען; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ו) וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען: "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְגוֹ'", אֲפִילוּ צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן וֶועלְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם; וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַא שֵׂכֶל אִין דִי וֶועלְט, צוּ וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אוֹיךְ, ווי מֶער מֶען נֶעמְט אַריין אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער פַּרְנָסָה הָאט מֶען. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי פַּרְנָסָה בְּנָקֵל תּוֹלֶה בְּדַעַת", גְרִינְג פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן דַעַת, פוּן וויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּן אִים, און אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין דַעַת, מֶען לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה - דַארְף מֶען שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן. אַזוֹי ווי דֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, סג.) אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יא, ח): "'שָׁטוּ הָעָם וְלָקְטוּ', בְּשְׁטוּתָא", דָאס מוּטְשֶׁען זִיךְ אִיז פוּן 'שְׁטוּתָא', פוּן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ טוֹיזְנְט מָאל אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה, עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ וויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן.

...

## נֶעם נִישְׁט צְדָקָה גֶעלְט פַאר דַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן, דָאס אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע גְנֵיבָה דָאס וָואס דוּ טוּסְט, גֵיין נָאךְ גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ מָאטֶער סַייקֶל, מָאטֶער סְקוּטֶער, בִּיבִּי גָאן וְכוּ'; דָאס אִיז רִיכְטִיג גְנֵיבָה, און אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט בַּאצָאלְן דִי אַלֶע גֶעלְטֶער פַאר עֶכְטֶע צְדָקָה - וֶועסְטוּ דַארְפְן מְגוּלְגָל וֶוערְן.

עֶס אִיז אַ פְּרֶעכֶע זַאךְ גֵיין קְלַאפְּן אִין הַייזֶער 'צְדָקָה פַאר אַן אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה' און נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פַאר זִיךְ; ווי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן אַזַא זַאךְ?!

טוּ תְּשׁוּבָה, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וויפִיל גֶעלְט דוּ הָאסְט גֶע'גַנֶבְ'עֶט פוּן מֶענְטְשְׁן און בַּאצָאל אַלֶעס פַאר צְדָקָה.

אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר דִיר, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אִיךְ ווִיל דִיר בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אָבֶּער מִיט גְנֵיבָה אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גְּנֵיבָה וּגְזֵילָה, סִימָן א): "מִי שֶׁנִּפְתָּה לִבּוֹ לִגְזֹל", וֶוער עֶס גַזְלְ'ט, "וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵלַת חֲבֵרוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן", אִיז אַ סִימָן אַז עֶר וֶועט טוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה", אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן דֶעם.

זוּךְ גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס גֵייעֶן טוּן חֶסֶד מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, חֲבֵרִים וָואס נֶעמֶען נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פוּן צְדָקָה. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אִין קִיאָסְק, וָואס דַארְפְסְטוּ פְּרָאבְּלֶעמֶען? נוּץ אוֹיס דַיינֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן מִיט אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער נָאר בִּתְנַאי אַז עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דִי גְנֵיבָה וּגְזֵילָה.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

...

### שֶׁעצְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּם מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אַ לִיכְטִיגֶער טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן; אִיךְ הָאף אִיר שֶׁעצְט אִים, אִיר וֵוייסְט וָואס פַאר אַן אוֹצָר אִיר פַארְמָאגְט, אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן - קוּמְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶס וֶוערְט אַ לוּפְט פוּן גַן עֵדֶן, אוּן דִי קִינְדֶער וַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּגוּף, בְּנֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן - גֵייט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אַוֶועק אוּן דִי לוּפְט פוּן גַן עֵדֶן גֵייט אַוֶועק, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער.

אַייעֶר מַאן הָאט אֵיין טָאג מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט אוֹיס וֶוען אִיר שְׁרֵייט אוֹיף אִים מִיט נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, ווִי 'מְשׁוּגֶע'נֶער גֵיי

אַוֶועק׳; ווייל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים אוּן קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט נוּצְן דִי סָארְט וֶוערְטֶער צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּ אַייעֶר מַאן.

...

### קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַאר כִּמְעַט בְּחִנָּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ו׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל אִינֶעם בַּאזַאר, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הָאבְּן קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַאר כִּמְעַט בְּחִנָּם.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צוּשְׁטֶעלְן קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל - זָאלְט אִיר הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְיִרְאֵי הַשֵּׁם.

...

### הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל זַיין עֶרְלִיךְ, בִּיסְט הַיינְט נֵיי גֶעבּוֹירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל זַיין עֶרְלִיךְ; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַזוֹיפִיל מָאל אוּן עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן אַלֶע פְרִישֶׁע הַתְחָלוֹת - זָאלְסְטוּ יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי; פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, טְרַאכְט ׳אִיךְ בִּין הַיינְט נֵיי גֶעבּוֹירְן׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כו): ״בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע

דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי".

אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת, דוּ וֶועסְט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, דוּ וֶועסְט טְרַאכְטְן: 'אִיךְ בִּין הַיינְט נַיי גֶעבּוֹירְן' - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן הַיינְט, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף סוֹף וָואךְ, שְׁטוּפּ נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן; הַיינְט הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען חוּמָשׁ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הַיינְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי לִימוּדִים - וֶוערְט בַּיים סוֹף גֶעזוּנְט, מֶען וֶוערְט עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען נָאר קוּמֶען אִין שׁוּלֶע אָנְגֶעטוּן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אִין סְקוּל - זֵיי זָאלְן קוּמֶען אֵיידְל אָנְגֶעטוּן, אוּן זִיכֶער דִי וָואס לֶערְנֶען אוּן דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין סְקוּל - זָאלְן קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן רַייךְ, נִישְׁט שְׁלֶעפֶּערִישׁ אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעלַאסְן; מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין אַרְבֶּעט פַאר קִינְדֶער וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּמֶען פַאר חִיזוּק וְכוּ'; בִּיטֶע זָאגְן פַאר מָרַת ...

זִי זָאל נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל וָואס רֶעסְפֶּעקְטִירְן נִישְׁט אוּנְזֶער פְּלַאץ. זִי קֶען מְחַזֵּק זַיין מֵיידְלֶעךְ אוּן זֵיי הַאלְטְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, אָבֶּער אִין בֵּית פֵּיגָא קֶען מֶען נָאר קוּמֶען וֶוער עֶס רֶעכֶנְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי מוֹסָד. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זָאגְן פַאר מָרַת ... זִי זָאל קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

גֶעדֶענְקְט דִי וָוארְט וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אֲבֵדָה וּמְצִיאָה הֲלָכָה ג, אוֹת טו), עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן, שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כג, ה): "עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא לב.): "עִמּוֹ" - עֶר דַארְף אוֹיךְ הֶעלְפְן; זָאגְט רֶבִּי נָתָן, וֶוען מֶען ווִיל הֶעלְפְן אֵיינֶעם דַארְף יֶענֶער זִיךְ וֶועלְן אַלֵיינְס הֶעלְפְן. מִיר קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אַז דִי מֵיידְל אָדֶער וַוייבְּל ווִיל זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט טוּן דָאס בִּיסְל; צוּ קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער פְּלַאץ אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל - ווִיל אִיךְ נִישְׁט זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי שְׁוֶוערֶע דוּרְכְגַאנְג, אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אַייךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן אַייךְ, דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל הָרַב ... שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אִיךְ הֶער אוֹיף עֶנְק זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן.

דָאס וָואס אִיר זֶענְט יֶעצְט אַרִיבֶּער, אִיר הָאט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְטְן וְכוּ' אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט אִיר פַארְלוֹירְן וְכוּ'; דָאס דַארְף אַייךְ צְוֵויי מָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אֵיינְס אִיר זֶעט קְלָאר אַז אִיר קֶענְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אוּן צְוֵוייטְנְס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד.

זָארְגְט עֶנְק נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

### עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס אַז דִי שְׁטוּב זָאל צֶעפַאלְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם נִישְׁט אַרַיין אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּב; עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, עֶס לוֹינְט נִישְׁט מַאכְן גֶעלְט; וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁטִיבֶּער זֶענֶען צֶעפַאלְן וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּב.

עֶנְדֶערְשׁ פַארְדִין וֶוייניגֶער אוּן הָאבּ אַ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב - וִוי צוּ הָאבְּן גֶעלְט אוּן דִי שְׁטוּב זָאל זַיין אִין אַ סַכָּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן דִי קִינְדֶער אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַז אַייעֶר טָאכְטֶער וִויל נִישְׁט גֵיין צוּ אִיר טַאטֶע - זָאלְט אִיר זִי נִישְׁט צְווינְגֶען. אִיר קֶענְט אִיר פְרֶעגְן מִפַּעַם לְפַעַם ׳אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ גֵיין צוּ דַיין טַאטֶע? דַיין טַאטֶע ווִיל דִיךְ זֶען, עֶר בֶּענְקְט זִיךְ צוּ דִיר׳, אָבֶּער נִישְׁט צְווינְגֶען; אַז זִי ווִיל נִישְׁט גֵיין - קֶען מֶען נִישְׁט צְווינְגֶען.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן דִי קִינְדֶער אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן; דֶער טַאטֶע זָאל נִישְׁט הֶעצְן קֶעגְן דִי מַאמֶע אוּן דִי מַאמֶע זָאל נִישְׁט הֶעצְן קֶעגְן דֶער טַאטֶע, וַוייל דָאס קֶען לֹא עָלֵינוּ זֵיי צוּגְרוּנְד לֵייגְן.

אוֹיף דֶעם וָואס אִיר הָאט מוֹרָא אֶפְשָׁר וֶועט עֶר טוּן מִיט דִי טֶעכְטֶער מַעֲשִׂים אֲשֶׁר לֹא יֵעָשׂוּ; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז - רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער שְׁטֶענְדִיג פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן אוּנְטֶער דִי קְלֵיידֶער, אוּן קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֵייסְן זָאלְסְט יֶענֶעם אָנְרִירְן אוּנְטֶער יֶענֶעמְ׳ס קְלֵיידֶער, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי קְלֵיידֶער וְכוּ׳; מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, וַוייל אַז נִישְׁט הַיינְט - וֶועט מָארְגְן אוּנְטֶערְקוּמֶען אֵיינֶער וָואס קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועקְלֵייגְן דָאס קִינְד אוֹיפְן לֶעבְּן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁרַייבְּן בְּרִיוו אִיז אַ וֶועג וִוי מֶען קֶען אָנְהַאלְטְן אַ קֶשֶׁר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו; עֶס אִיז אַ וֶועג וִוי מֶען קֶען אָנְהַאלְטְן אַ קֶשֶׁר, זַיין פַארְבִּינְדְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

וִוי דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי לָאקֶערְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף יֶעדְן תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶר ווִיל אִים אוֹיסְרַייסְן אוּן אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי פְּלַאץ; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל רַבֵּינוּ, סַיי בָּזֶה הָעוֹלָם אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ הָאסְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין זֵיי - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן. לֶערְן יֶעדְן טָאג

לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן – וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בָּזוּ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען'", אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ לֶערְן דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה פַארְן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קְרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט, גֵייט נִישְׁט צוּ חַבְרֶ'טֶעס; אֲפִילוּ אִיר הָאט גָאר גוּטֶע חַבְרֶ'טֶעס – אִיז בֶּעסֶער אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

אִיר הָאט נָאךְ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ בְּלוֹיז פַאר נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, וַוייל אָט אָט גֵייט אִיר אַ כַּלָה וֶוערְן אוּן בּוֹיעֶן אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ; אִיז בֶּעסֶער אִיר זָאלְט בְּלַייבְן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט.

גֶעדֶענְקְט, נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס ווִי הֶעלְפְן אַ מַאמֶע, נִישְׁטָא בֶּעסֶערְס ווִי מַאכְן אַ פַארְגֶענוּגְן פַאר דִי מַאמֶע.

בִּזְכוּת הֶעלְפְן דִי מַאמֶע אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג - וֶועט אִיר הָאבְן אַ גוּטֶע אוּן זִיסֶע לֶעבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאבּ דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע וָואס מֶעגְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הֶער גָאר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס אוֹיף אַייךְ, ווִי שֵׁיין אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף, פוּן אַייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת. אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְגֶעבְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דִי גוּטֶע גְרִיס, זֵיי וֶועלְן זִיךְ זִיכֶער פְרֵייעֶן, עֶס וֶועט זֵיי צוּגֶעבְן אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט.

בֶּעטְס אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, עֶרְלִיכֶער מַאן. דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה, לֵאָה הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיף אַ עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, זִי הָאט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְן מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ פַאר אִיר צוּ בַּאקוּמֶען דִי שִׁידוּךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט זִי זָאל חֲתוּנָה הָאבְן מִיט יַעֲקֹב אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַסַאךְ שְׁבָטִים, נָאר וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן.

זַייט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, טְרַאכְטְס ׳אִיךְ הָאבּ דִי שֶׁענְסְטֶע לֶעבְן, אִיךְ הָאבּ דִי בֶּעסְטֶע מַאמֶע, אִיךְ הָאבּ דִי בֶּעסְטֶע וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ׳; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ ווִיל זִיךְ פַארְלֵייגְן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן אֵיידְל און עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת וָואס גֵייט זַיין פַאר תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא נָאךְ חֲנוּכָּה - ווִיל אִיךְ זָאל זַיין אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר פַאר תַּלְמִידוֹת וָואס לֶערְנֶען אִין סְקוּל; אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַאכְן אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר, וָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען. אִיךְ ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוּנְזֶער חִינוּךְ, אִיךְ ווִיל זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פַארְלֵייגְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן אֵיידְל און עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער מְלַמֵד זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פֶּעטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ דֶער מְלַמֵד זָאל גֶעבְּן פֶּעטְשׁ בַּיי מִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; מִיר הָאבְּן אַ מְנַהֵל, און אַז עֶס פֶעלְט אוֹיס - וֶועט עֶר מַחְלִיט זַיין; דֶער מְלַמֵד טָאר נִישְׁט גֶעבְּן פֶּעטְשׁ.

אוֹיבּ גֶעבְּסְטוּ פֶּעטְשׁ - ווִיל אִיךְ נִישְׁט זָאלְסְט זַיין מְלַמֵד בַּיי מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## סַךְ-הַכֹּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, יֶעדֶע מָאל עֶר מַאכְט זִיךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת וִויפִיל גֶעלְט עֶר פַארְדִינְט אוּן וִויפִיל חוֹבוֹת עֶר הָאט, וֶוען עֶס קוּמְט דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה, בַּיים סַךְ-הַכֹּל, אַנְשְׁטָאט עֶנְדִיגְן מִיט אַ מֵינוּס - שְׁרַייבְּט עֶר: "סַךְ-הַכֹּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן"; דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, וַוייל אַנְשְׁטָאט צוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אוֹיגְן דִי מֵינוּס - זֶעט עֶר פַאר זַיינֶע אוֹיג: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן'.

חַזֶר שְׁטֶענְדִיג אֱמוּנָה: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס'; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן כח): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה נִתְרַבֶּה פַּרְנָסָה", דוּרְךְ אֱמוּנָה הָאט מֶען פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאכְן פְּלֶעסְטִיק סֶערְדְזְשֶׁערִי, דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֶעם בִּילְד פוּן אַייעֶר קִינְד; לְדַעְתִּי זָאלְט אִיר יָא מַאכְן פְּלֶעסְטִיק סֶערְדְזְשֶׁערִי. עֶרְשְׁטְנְס עֶס אִיז אַ מֵיידְל, צְוֵוייטְנְס עֶס אִיז אוֹיפְן פָּנִים; דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זָארְגְן אַז דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט אוֹיסְזֶען אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן.

דֶער עִיקָר דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אַז דִי קִינְד אוּן אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס, טז): ״כָּל יָמִים שֶׁהָיְתָה שָׂרָה קַיֶּמֶת הָיָה נֵר דּוֹלֵק מִלֵּילֵי שַׁבָּת וְעַד לֵילֵי שַׁבָּת, וְכֵיוָן שֶׁמֵּתָה פָּסַק אוֹתוֹ הַנֵּר, וְכֵיוָן שֶׁבָּאת רִבְקָה חָזַר״, בַּיי שָׂרָה אוּן בַּיי רִבְקָה הָאט דִי לִיכְט פוּן שַׁבָּת גֶעבְּרֶענְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ; בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז מֶען בֶּעט פַּאר גוּטֶע קִינְדֶער בַּיים צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת הָאבְּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן וָואס מֶען טוּט בַּיי דִי לִיכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

ווּאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווּאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, עֶס קוּמְט צוּרִיק נָאר גוּטֶע גְרִיסְן.

אִיךְ ווִיל בַּאמֶערְקְן אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, סַיי פַּאר דִיר אוּן סַיי פַּאר אַלֶע מְלַמְּדִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; נִישְׁט אַלֶעס וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט - אִיז גוּט צוּ זָאגְן פַּאר קִינְדֶער. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיב אֵיינֶער שְׁלָאגְט דִיךְ - הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ וְכוּ׳, אָבֶּער פַּאר קִינְדֶער אִיז דָאס נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ זָאגְן, וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג וָואס אַלֶע וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם לִיגְן מִיט גֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע קֶעפּ, וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף שְׁפַּאלְטְן דֶעם קָאפּ.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן צוּרִיק צִיעֶן פוּן דֶעם, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט, בַּיי דִי אוּמוֹת אִיז דָא דִי זַאךְ פוּן שְׁלָאגְן, אוּן עֶס טָאר נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ אַ קִינְד זָאלְן נוּצְן הֶענְט צוּ שְׁלָאגְן.

מְלַמְּדִים דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט רוֹדְפְ׳ן קִינְדֶער, מְלַמְּדִים דַארְפְן מִיטְהַאלְטְן אוּן גוּט נִישְׁטֶערְן אוּן דֶערְגֵיין - וֶוער עֶס אִיז דֶער רוֹדֵף אוּן וֶוער עֶס אִיז דֶער נִרְדָּף, אוּן שְׁטֵיין אוֹיף דִי וַואךְ מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

נִישְׁטָא קַיין שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן מְסִיבּוֹת פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, אוּנְזֶער קְהִילָה - מִיטְן מַאכְן מְסִיבּוֹת אִינְמִיטְן טָאג פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן אוּן זִיךְ אָנְשֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער שְׁטֶעטְל אִיז פַאר אַ טֵייל מִשְׁפָּחוֹת בְּחִינַת גַן עֵדֶן אוּן פַאר אַ טֵייל – וְכוּ׳; עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס זָאגְן ׳מִיר שְׁפִּירְן זִיךְ גֶעטְרֶעפְּט אִין שְׁטֶעטְל (פַארְכַאפְּט)׳, זֵיי זֶענֶען דִי נַאטוּר פוּן אַרוֹיסְגֵיין, שְׁפַּאצִירְן, זֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ גֵיין קוּקְן יֶעדְן טָאג וִוי מֶענְטְשְׁן קוֹיפְן אוּן גֵייעֶן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאס נִישְׁטָא; שְׁפִּירְן זֵיי מַמָּשׁ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, אוּן אַז אִיר מִיט נָאךְ טֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן מַאכְן יֶעדֶע וָואךְ אַקְטִיוִויטֶעטְן פַאר פְרוֹיעֶן פַארְמִיטָאג, זִיךְ צוּ טְרֶעפְן - טוּט אִיר מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, עֶס הֶעלְפְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת. וַוייל אַז מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - קְלַאפְּט עֶס אוֹיס אוֹיף יֶעדְן; אוֹיפְן מַאן, אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיף דִי פְלַאץ; מֶען הוֹיבְּט אָן וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי פְלַאץ, דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַייךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, אוּן כֹּה לֶחָי.

...

## הֶעלְף דִי פְּלַאץ וָואס הֶעלְפְט דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן דִיר זָאלְסְט גֶעבְּן דַיין מַעֲשֵׂר אוּן דַיין צְדָקָה גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה. דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ תַּלְמִיד פוּן דִי יְשִׁיבָה, דַארְפְסְטוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיווּ פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (הוּבָא בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְּרוּפָה): ״דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפִינֶען״, דֶער רֶבִּי בֶּעט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן הֶעלְפְן דִי פְּלַאץ וָואס הֶעלְפְט דִיר.

נֶעם אַ פוּשְׁקֶע פוּן דִי מוֹסָד אִין שְׁטוּבּ, אִין אָפִּיס אוּן אִין קַאר; אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט פוּל זָאלְסְטוּ מִיר עֶס בְּרֶענְגֶען, דִי פְּרוּטָה׳לֶעךְ הֶעלְפְט מִיר צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁישִּׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַ קְרֶעכְץ, אַ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״טַאטֶע״, דָאס וֶועט מַאכְן נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל בַּאזוּכְן דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, בֵּית פֵיגָא, אוּן וְעַל כּוּלָם דִי כּוֹלֵל; אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אִינֶעם בֵּית הוֹרָאָה עֵמֶק יְחֶזְקֵאל, עַל שֵׁם מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה; דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ פַארְהֶערְט אַ חֵלֶק הִלְכוֹת שַׁבָּת, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲמָד.

דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ, מוֹהֲרָא״ש קוּקְט אַרָאפּ פוּן גַן עֵדֶן אוּן שְׁמֵייכְלְט צוּ זֶען וִוי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פִירְט זִיךְ בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁיעוּר, און נָאכְדֶעם דַארְף אִיךְ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַּאר דִי אִינְגֶעלַייט. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַ חֲתוּנָה פוּן חַיִים מֵאִיר. אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, דֶערְהַאלְט זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת און גְרֶעסֶער פוּן דִי בַּארְג פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ שְׁלֶעפְּסְט, עֶר וַוארְט זָאלְסְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּ אִים און גֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ, גֶעבְּן אַ שְׁרֵיי ״טַאטֶע״, דָאס וֶועט מַאכְן נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיבּ עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

בִּיטֶע אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי בְּרִיוו פַּאר אַייעֶר מַאמֶע.

מָרַת ... תִּחְיֶ׳,

אוֹיבּ אִיךְ מֶעג בֶּעטְן אִיר זָאלְט נָאכְאַמָאל אַריינְקוּקְן אִין דִי שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר. אִיךְ וֵייס אַז אִיר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן זַיין ווַייבּ צוּ אַייךְ, אִיר טְרַאכְט ׳וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס מַאכְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ מִשְׁפָּחָה וָואס קְרִיגְט זִיךְ? וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס אַרַיינְלֵייגְן מַיין קִינְד אִין אַזַא שְׁטוּב?׳ דָאךְ ווִיל אִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְטְרָאגְן דִי שִׁידוּךְ, ווַייל דֶער בָּחוּר אִיז אַזַא טֵייעֶר קִינְד, אַזַא נְשָׁמָה, אַזוֹי עֶרְלִיךְ מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת; וְעַל כּוּלָם, עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר אִיז דָבוּק צוּ צַדִיקִים, וָואס הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דָאס דֶער עִיקָר; אַז עֶס אִיז דָא אֱמוּנַת חֲכָמִים, הָאט אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס בְּרֶענְגְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיז אִים מַדְרִיךְ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ - דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַלֶעס דָא, דָאס אִיז דֶער עִיקָר; אִיז אֶפְשָׁר יָא כְּדַאי צוּ מַאכְן דִי שִׁידוּךְ.

בִּיטֶע מִיר מוֹדִיעַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.